**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/21/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון ארבעט אויף 21 מיליאן דאלארדיגער רענאוואציע פראיעקט אין KLEINHANS MUSIC HALL**

***פראיעקט וועט פארבעסערן און אויפפרישן די וועלטס-באקאנטע קולטורישע אינסטיטוציע***

***בילדער פון פראיעקט זענען פארעפנטליכט [דא]***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז קאנסטרוקציע איז יעצט אונטערוועגס אויף א 21 מיליאן דאלארדיגער רענאוואציע פראיעקט אין Kleinhans Music Hall, א וועלטס-באקאנטע קונסטווערק און קולטור דעסטינאציע וואס שטייט אין באפעלאו. דער פראיעקט וועט פארבעסערן און אויפפרישן דעם נאציאנאלן היסטארישן פלאץ און עס פארמיידן פון ווייטער צופאלן. גאווערנער האקול האט לעצטנס [אנאנסירט] 8 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג אין די פיסקאלע יאר 2023 בודזשעט פאר דעם פראיעקט, אין צוגאב צו ביז אזויפיל ווי 1 מיליאן דאלאר in אין גרענטס פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט.

"קונסטווערק איז קריטיש פאר עקאנאמישע וואוקס און פאר די געזונטהייט פון א קאמיוניטי אין ניו יארק סטעיט, און Kleinhans איז א וויכטיגע קולטורישע טרייב-קראפט אין מערב ניו יארק", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פאר צענדליגע יארן, האט Kleinhans Music Hall – וואו איך און מיין פאמיליע האבן הנאה געהאט פון צאללאזע אוונטן צווישן די צושויער – צוגעצויגן באזיכער מיט איר רעפוטאציע פארן זיין איינס פון די מערסטע קלאסישע קאנצערט זאלן אין די וועלט. דער פראיעקט ערלויבט אונז צו פארזעצן צו מאכן Kleinhans פאר א מאדערנע, ווארעמע פלאץ פאר באזיכער צו הנאה האבן פון אונטערהאלטונג און קולטור אויף די העכסטע קוואליטעט פאר צענדליגע יארן אין די צוקונפט."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפּ נייט, האט געזאגט,** "די Kleinhans Music Hall רענאוואציעס זענען קריטיש פאר די זיכערהייט און הנאה פון די צושויער און באזיכער אין די היסטארישע זאל וואס איז א הויפט טייל פון די קולטורישע אידענטיטעט און עקאנאמישע לעבעדיגקייט פון מערב ניו יארק. א דאנק גאווערנער האקול, פארזיכערן די אינפראסטראקטור פארבעסערונגען אז Kleinhans איז גרייט צו אונטערהאלטן פילע צוקונפטיגע דורות."

די Kleinhans Music Hall געפונט זיך אויף Symphony Circle, און עס דינט שוין מערב ניו יארק פאר 82 יאר און איז אן עקאנאמישע טרייב-קראפט פאר די ראיאן. עס איז אין אייגנטום פון באפעלאו סיטי און אין פארוואלטונג פון .Kleinhans Music Hall Management Inc, א נישט-פאר-פארדינסט ארגאניזאציע. די אייקאנישע זאל איז געבויט געווארן אין 1939, דעזיינט דורך עליעל און עראָו סאַרינען, און עס איז די היימארט פאר ערשיינונגען און איבונגען פון די באפעלאו פילהארמאנישע ארקעסטרא (Buffalo Philharmonic Orchestra), Babel Series o'Just Buffalo Literary Center און פאר Buffalo Chamber and Music Society; און עס ווערט ארויסגעדינגען פאר פילע סקול, קאמיוניטי און

פאמיליע געשעענישן. די באפעלאו פילהארמאנישע ארקעסטרא האלט אפ אן ערשיינונג פאר באפעלאו פובליק סקול שילער און שילערינס פון ערשטע ביז 5'טע קלאס אין Kleinhans, וואס קומט אויס בערך 24,000 קינדער יעדע יאר. נאך 16,000 שילער און שילערינס פון אריבער גאנץ מערב ניו יארק פארן אויך יערליך צו Kleinhans פאר ערשיינונגען. יעדע יאר האלט Kleinhans אפ כמעט 200 געשעענישן מיט בערך 200,000 מענטשן וואס באטייליגן זיך.

**דעניעל האַרט, Kleinhans דירעקטאר, האט געזאגט,** "אלץ די פארוואלטער פון די פרעכטיגע געביידע בשותפות מיט די סיטי, דערפריידט דאס אונז גאר אז גאווערנער האקול האט געמאכט די געוואלדיגע פארפליכטונג פאר דעם וויכטיגן פראיעקט. די שטיצע, צוזאמען מיט די שטיצע פון אלע אונזערע אנדערע שותפים, אריינרעכנענדיג באפעלאו סיטי און ערי קאונטי, האבן שנעלערהייט געברענגט דעם פראיעקט פון א טרוים צו אווירקליכקייט. רעדנדיג אין נאמען פון אונזער Kleinhans באורד אָוו דירעקטארס, גלויבן מיר אז די וויכטיגסטע זאך וואס מיר קענען טוהן איז אפהיטן און פארבעסערן די געביידע אז עס זאל קענען ווייטער גיבן הנאה פאר צוקונפטיגע דורות. די היינטיגע טאג איז אן אמת'ע עררייכונג אויף דעם פראנט."

נאך צענדליגע יארן פון באנוץ, דארף בערך יעדע ווינקל פון די Kleinhans געביידע פאררעכטונג אדער פארשטערקערונג, אריינרעכענענדיג די דרויסנדיגע חלק, די אינעווייניג, פלאמבינג, דאך, קעלער, עלעקטריציטעט, טירן, פובליק זיכערהייט און HVAC. די שטאפל פון דעם פראיעקט וועט דורכפירן די פאלגנדע:

- פארענדיגונג פון א גענצליך נייע דאך (יעצטיגע איז 40 יאר אלט).
- נייע צענטראלע סטים בוילער/וועקיוּם קאַנדענסעיט ריטוירן סיסטעם פארבעסערונג צו ווירקזאמע מאדולארישע סטים בוילערס. 'מעיקאַפּ' וואסער סיסטעמען וועלן געקויפט און אינסטאלירט ווערן.
- פארבעסערטע הייצונג, אויסלופטערונג און עיר קאנדישאן (HVAC) סיסטעמען. הויפט עקוויפּמענט באשטאנדטייל און קאנטראל סיסטעמען וועלן דארפן ערזעצט ווערן: נייע עקזאָוסט פענס און דאָקטס; סטים טרעפּס אין די גאנצע געביידע; פּראָנט-ענד BMS קאנטראלערס; HVAC אין די הויפט זאל; Livingston Hall און קעלער עיר הענדלינג יוניטס.
- לעבנס זיכערהייט/ענערגיע שפארזאמקייט. ערזעצן פייער סיסטעמען און רויך אלארמס; אינסטאלירן נייע שוץ מיטלען פון אראפפאלן העכער די דאך איבער די סטעידזש; טיר צוטריט און סעקיוריטי סיסטעם וועט ערזעצט ווערן אין די גאנצע איינריכטונג; דרויסנדיגע באלייכטונג וועט פארבעסערט ווערן (פארקינג לאט, צפון און דרום זייט טענטס), אינווייניגע באלייכטונג וועט פארבעסערט ווערן אין אלע פלעצער פאר ענערגיע שפארזאמקייט.
- אלגעמיינע געביידע סיסטעם. א נייע 'ליינער' פאר די אפשפיגלנדע פּוּל וועט אינסטאלירט ווערן. פענסטער וועלן ערזעצט ווערן. פארבן און פלאסטערן וועלן געמאכט ווערן אין די גאנצע געביידע דורכאויס די פראיעקט.

דער פראיעקט שטופט פאראויס שטאטישע אויפלעבונג, ברענגענדיג א ערשט-קלאסיגע, אינטערנאציאנאלע אנגעזעהענע ערשיינונגען זאל אין איין ביז צוויי מייל פון באפעלאו'ס צענטראלע ביזנעס דיסטריקט. עס איז א סטראטעגישע אינוועסטירונג אין די קאמיוניטי, אזוי ווי די דערנעבנדע געגנטער האבן געזעהן עקאנאמישע אינוועסטירונג און וואוקס אין די לעצטע צען יאר. דער פראיעקט איז אויך פאראנטווארטליך צו די ענווייראמענט; וואסער, עלעקטריציטעט און גאז פארוואלטונג דורכאויס די סיסטעם פארבעסערונג וועט ברענגען מער ווירקזאמקייט, איינשפארנדיג דאלארן און נאטורליכע רעסאָרסן.

נאך שטיצע פאר דעם רענאוואציע פראיעקט ווערט צוגעשטעלט דורך באפעלאו סיטי, ערי קאונטי, אסעמבלימאן דזשאַן ריווערא און צואגונגען פון פריוואטע קערפערשאפטן.

**סטעיט סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט,** "פאר מער פון אכציג יאר האט Kleinhans געדינט אלץ אן אייקאנישע אינסטיטוציע אין באפעלאו סיטי, פלעגנדיג אן איבערגעגעבנקייט צו קונסט, מוזיק און קאמיוניטי. די אינוועסטירונג וועט לייגן אלץ פריאריטעט די ווירקזאמקייט, זיכערהייט און צוגענגליכקייט פון די מוזיק זאל און פארזיכערן אז עס בלייבט אן ארייננעבויטע טייל פון אונזער סיטי פאר פילע דורות אין די צוקונפט."

**אסעמבלי מיטגליד דזשאַן ד. ריווערא האט געזאגט,** "אלץ א היסטארישע אוצר אין מיין דיסטריקט, איז Kleinhans א וויכטיגע אייגנטום פאר אונזער קאמיוניטי מיט אן אינטערנאציאנאלע רעפוטאציע אלץ אן אויסערגעווענטליכע קאנצערט זאל. האבנדיג געעפנט געווארן דין 1940, דארף די אינפראסטראקטור פון די געביידע יעצט אויפמערקזאמקייט און מעכאנישע פאררעכטונגען. איך בין מער פון שטאלץ אז מיין אפיס האט געקענט פארזיכערן גרענט פינאנצירונג צו העלפן דעם פראיעקט און צו זיכער מאכן אז צוקונפטיגע דורות פון באפעלאו'ס מוזיק ליבהאבער וועלן קענען געניסן פון די וועלט-באקאנטע פלאץ און ערשיינונגען וואס Kleinhans שטעלט כסדר צו."

**ערי קאונטי עקזעקיוטיוו, מארק פאלאנקאַרז, האט געזאגט,** "אונזער קאמיוניטי'ס קוואליטעט פון לעבן וועט פארבעסערט ווערן דורך די פארבעסערונגען און אויפפרישונגען אין Kleinhans Music Hall. דער רענאוואציע פראיעקט וועט פארשטערקערן די אלגעמיינע קונסטווערק קאמיוניטי אין ערי קאונטי און וועט אויך שפילן א וויכטיגע ראלע אין די אנגייענדע אויפלעבונג פון אונזער לאקאלע עקאנאמיע. היטן אויף און פארבעסערן די היסטארישן געביידע איז א קלוגע אינוועסטירונג פאר וועלכע די איינוואוינער פון אונזער ראיאן און די באזיכער צו מערב ניו יארק וועלן זיין דאנקבאר פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

**מעיאר בייראן וו. בראַון האט געזאגט,** "פאר די פארגאנגענע 82 יאר איז Kleinhans Music Hall געווען א דיאמאנט אויף באפעלאו'ס וועלטס-באקאנטע קולטורישע און ארכיטעקטורישע מאפע, אבער עס ווייזט אויך יעצט סימנים פון איר פיזישע עלטער און עס איז צייט פאר גרויסע פארבעסערונגען. איך דאנק גאווערנער האקול און די עמפּייער סטעיט דעוועלאפמענט קערפערשאפט פאר ניו יארק סטעיט'ס ברייטהארציגע ביישטייערונג צו דעם 21 מיליאן דאלארדיגן רענאוואציע פראיעקט וואס איז יעצט אונטערוועגנס. זינט 2016 האט מיין אדמיניסטראציע אינוועסטירט איבער 2.6 מיליאן דאלאר צו אויפהאלטן די אוצר אין די סיטי'ס אייגנטום, און מיר זענען שטאלץ צו ביישטייערן 2.2 מיליאן דאלאר צו דעם פראיעקט וואס וועט היטן אויף די פרעכטיגע איינריכטונג פאר צוקונפטיגע דורות צו קענען געניסן דערפון."

מער אינפארמאציע איבער Kleinhans קען געפונען ווערן ביי https://kleinhansbuffalo.org/.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418